# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת — חג השבועות — ביתה ו' ז' תשע"א לפ"ק


## דורש טוב

די גמרא (פסחים ס"ח) זאגט **אמר רבי אלעזר, הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם, מאי טעמא יום שניתנה תורה לישראל הוא.**

לכאורה איז שווער אז לויט דעם טעם קומט אויס פונקט פארקערט אז עס דארף זיין **כולו לד',** ווייל אז מען האט געגעבן די תורה דארף מען עס לערנען ?

עס קען זיין, אז די כוונה פון די גמרא איז אז מ'דארף עסן און טרינקען צו מרמז זיין אז ווייל מען האט מקבל געווען די תורה מעג מען עסן און טרינקען און הנאה האבן פון עולם הזה.

ווייל דער **חיד"א** ברענגט די קשיא פון דער **מהר"ש פרימו,** וויאזוי מעג מען הנאה האבן פון עולם הזה עס איז דאך גזילה, ווייל יעקב מיט עשו האבן זיך צוטיילט מיט די צוויי וועלטן און עשו האט באקומען עולם הזה ?

ענטפערט ער אז די עולם הזה איז אויך די חלק פון די אידן, ווייל דער גמרא (ב"מ כ"ד) זאגט המציל מזוטו של ים הרי הוא שלו, און די אידן האבן גערעטעוועט די וועלט זאל נישט חרוב ווערן, אזוי ווי די גמרא (שבת פ"ח) ברענגט אויפן פסוק **"ויהי ביום הששי"** ה' יתירה למה לי ? מלמד שהתנה הקב"ה עם מעשה בראשית, ואמר להם אם ישראל מקבלים התורה מוטב, ואם לאו אחזיר אתכם לתהו ובהו, און ווייל זיי האבן מקבל געווען די תורה איז די וועלט נישט חרוב געווארן, אויב אזוי איז די עולם הזה אויך די חלק פון די אידן.

## ידיעות פון די וואך

### פארוואס הייסט דער יו"ט שבועות?

**ערשטער טעם:** זאגט דער ווילנער גאון זי"ע ווייל אין אמת'ן האט דער יו"ט 4 נעמען:

**חג השבועות** - (שבועות איז טייטש וואכן) אין דעם טאג ענדיגן זיך די 7 וואכן וואס מען האט געציילט ספירה.

**חג הביכורים** - (ביכורים איז טייטש געצייטיגט) ווייל אין דעם טאג האט מען געברענגט אין בית המקדש די שתי הלחם פון ווייץ וואס ווערט דעמאלט געצייטיגט.

**עצרת** - (עצרת איז טייטש אויפהאלטונג) ווייל אין דעם יו"ט זענען נישט דא קיין באזונדערע מצוות, נאר דאס אז מען דארף זיך צוריק האלטן פון טוהן א מלאכה.

**זמן מתן תורתינו** – דעם טאג וואס השי"ת האט געגעבן די תורה.

מיר רופן דעם יו"ט **"שבועות"** ווייל אינעםווארט שְׁבֻעֹת איז מרומז אלע 4 נעמען:

**ש - שבועות ב - ביכורים ע - עצרת ת - מתן תורתינו**

**צווייטער טעם: שבועות** - איז א לשון פון שווערן, מיר האבן געשוואוירן פארן אויבערשטן, אז

מיר ווילן אים נישט אויפטוישן מיט א צווייטן ח"ו, און דער אייבערשטער האט געשוואוירן פאר די אידן אז ער וועט זיי נישט אויפטוישן מיט א אנדערע פאלק (אוהח"ק הק' פר' יתרו).

## פארוואס עסט מען מילכיגס?

**ערשטער טעם:** ווייל ביז מען האט געגעבן די הייליגע תורה פאר די אידן, האבן זיי נישט גע'שחט'ן די בהמות ווי דער דין איז, און אויך זייערע טעפ זענען געווען טריפה. יעצט אבער, ווען זיי האבן באקומען די תורה און זיי האבן געהערט אז מען מוז עסען נאר כשר'ע פלייש, האבן זיי נישט געקענט קאכן די פלייש ווייל די טעפ זענען געווען טריפה, און כַּשֶׁרְ'ן טעפ טאר מען דאך נישט אום יום טוב. דערפאר האבן זיי געקענט עסען נאר "מילכיגס". וועגן דעם מאכן מיר אן אנדענק, און מיר עסען אויך מילכיגס (מדרש פנחס).

**צווייטער טעם:** ווייל ביי מתן תורה זענען די אידן געווארן אזוי הייליג ווי מלאכים, און די מלאכים האבן געגעסן ביי אברהם אבינו מילכיגס מיט פליישיגס, וועגן דעם עסן מיר אויך מילכיגס און נאכדעם פליישיגס (נועם אלימלך).

**דריטער טעם:** ווייל מילכיגס איז א ווייסע קאליר, וואס דאס ווייזט אויף רחמים וחסדים, וועגן דעם עסט מען מילעכיגס צו ווייזן אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה צוליב זיין רחמים וחסדים (בני יששכר).

**פערטער טעם:** ווייל די תורה האט 613 מצוות. 248 מצוות "עשה" קעגן די 248 גלידער פון דעם מענטש, (רמ"ח איברים) און 365 מצוות "לא תעשה" קעגן די 365 טעג אין יאהר, קומט אויס אז יעדער טאג איז מכוין קעגן אן אנדערע לא תעשה. אז דו ווערסט אויסרעכענען פון אנהייב יאהר יעדן טאג אן אנדערע לא תעשה, וועסטו זעהן אז די "לא תעשה" פון קאכן פלייש מיט מילך צוזאמען, געפאלט אין שבועות.

דאס איז פשט **הכל מודים דבעינן נמי לכם**, אז מ'דארף עסן און טרינקען, מ"ט **יום שניתנה בו תורה**, וואס וועגן דעם מעג מען עסן און טרינקען און הנאה האבן פון עולם הזה. (בני יששכר)

*

## עליונים ששו ותחתונים עלזו בקבלת תורה מסיני:

בגמרא, בשעה שנתן הקב"ה התורה לעמו ישראל טענו המלאכים תנה הודך על השמים, צר הקב"ה קלסתר פניו של משה דומה לאברהם, ואמר להם לא זה שאכלתם בתוך ביתו בשר בחלב:

לכאורה איז שווער אז זיי האבן גארנישט עובר געווען, ווייל אברהם האט קודם געגעבן די מילך און נאכדעם די פלייש, אזוי ווי עס שטייט (פ' וירא) ויקח חמאה וחלב ובן הבקר, און ביי דעם איז נישט דא די איסור בשר בחלב.

ענטפערט דער קאוואטשהאזער רב זצ"ל אין ספר **נטיעות אדר** מיט די קשיא פון די **מפרשים** פארוואס האט משה זיי געזאגט אז זיי האבן עובר געווען אויפן איסור בשר בחלב, עס שטייט דאך אין מדרש אויפן פסוק (פ' וירא) ובן הבקר "**אשר עשה**", אז די פלייש איז געווען פון א בהמה וואס אברהם האט באשאפן מיטן ספר היצירה, און ביי דעם איז נישט דא קיין איסור בשר בחלב ?

מ'קען ענטפערן אז די טעם אז עס איז נישט דא ביי דעם קיין איסור איז ווייל די תורה איז געגעבן געווארן פאר מענטשען רעדט מען נאר פון פלייש וואס זיי עסן, און זיי האבן נישט פלייש פון ספר היצירה.

קומט אויס אז אויב מ'וואלט געגעבן די תורה פאר די מלאכים וואס ביי זיי איז מער שייך פלייש פון **ספר היצירה** ווי סתם בהמות איז יא דא אויף דעם די איסור בשר בחלב.

דאס האט דער אייבערשטער זיי געזאגט אז אויב מען וועט זיי געבן די תורה וועט אויסקומען אז זיי האבן עובר געווען אויף איסור בשר בחלב.

מיט דעם איז פארענפערט פארוואס די מלאכים האבן זיך געפרייט אז די אידן האבן באקומען די תורה, ווייל דורך דעם האבן זיי נישט עובר אויפן איסור בשר בחלב.

*

דער **מגן אברהם** (ס' תצ"ד) פרעגט וויאזוי זאגט מען שבועות וואס עס איז ו' סיון "**זמן מתן תורתינו**" מען פסק'נט דאך אזוי ווי רבי יוסי וואס לערנט אז ז' סיון האט מען געגעבן די תורה?

ענטפערט דער **חתם סופר** אז ביידע איז אמת, ווייל ביז מתן תורה האט מען נאך געהאט א דין בני נח, וואס זענען אנדערש פון אידן מיט צוויי זאכן 1) ביי אידן איז די נאכט פארן טאג, און ביי די בני נח איז די נאכט נאכן טאג 2) ביי די אידן הייבט זיך אן די טאג ביים עלות השחר, און ביי די בני נח ביים נץ החמה.

עס שטייט אז דער אייבערשטער איז געקומען געבן די תורה ביים עלות השחר. לויט דעם קומט אויס אז מען האט געגעבן די תורה סיי ו' סיון און סיי ז' סיון, ווייל ביזן געבן די תורה איז נאך געווען ו' סיון, ווייל מען האט מען האט נאך געהאט א דין בני נח, וואס ביי זיי איז געווארן ז' סיון נאר ביים נץ החמה, ווייל די נאכט איז נאכן טאג און ביזן נץ החמה איז נאכט, אבער נאכן געבן די תורה וואס מען האט שוין געהאט א דין ישראל איז שוין געווען ז' סיון, ווייל די נאכט איז פארן טאג.

לויט דעם איז שוין פארענטפערט וויאזוי מען זאגט ו' סיון "**זמן מתן תורתינו**" מען האט דאך געגעבן די תורה ז' סיון ווייל נאכן געבן די תורה איז שוין טאקע געווען ז' סיון אבער פארן געבן די תורה איז נאך געווען ו' סיון.

**פינפטער טעם:** ווייל פסח עסט מען צוויי געקעכטס אלס זכר צום קרבן פסח, און קרבן חגיגה, אזוי אויך שבועות עסט מען צוויי מיני מאכלים מילכיגס און פליישיגס, א זכר צו די צוויי ברויטן וואס מען האט געברענגט שבועות אין בית המקדש (רמ"א ס"ג ומ"ב סקנ"ד).

**זעקסטער טעם:** ווייל שבועות האט מען געגעבן די תורה, און די תורה איז צוגעגליכן צו מילך מיט האניג, וועגן דעם עסט מען מילעכיגס און זיסע זאכן. (כל בו)

**זיבעטער טעם:** דער פסוק: להגיד בבוקר חסדך איז ראשי תיבות חלב. מיר דאנקן דעם אויבערשטן אויף דעם חסד וואס ער האט געטוהן מיט אונז אז ער האט אונז געגעבן די תורה (בני יששכר).

**אכטער טעם:** איינע פון די אכט נעמען פון בארג סיני איז הר גבנונים, וואס איז א לשון פון גבינה-קעז (מדרש פנחס)

*

## חג הביכורים

דער יום טוב פון די "ערשט געצייטיגטע פרוכט". ווען אלע אידן זענען געווען אין ארץ ישראל, און דער בית המקדש איז געשטאנען, איז געווען א מצוה מען זאל ברענגען "ביכורים" אין בית המקדש.

ווי אזוי האט מען דאס געטוהן? ווען א מענטש האט געזעהן אין זיין פעלד, אז עס איז שוין דא איין פרוכט פון די זיבן מינים מיט וואס ארץ ישראל איז געבענטשט געווארן, וואס ווערט שוין געצייטיגט, האט ער ארויף געבינדען אויף דעם א גרעזל פאר א צייכען אז די פרוכט איז געווען די ערשטע.

שפעטער ווען מען האט שוין אראפ געשניטען די אלע פרוכט, האט מען אריין געלייגט די אלע "ערשט געצייטיגטע פרוכט" אין א שיינע באפוצטע קארב. צו די זייטען האט מען צוגעבינדן שיינע טויבן, וואס מען האט שפעטער מקריב געווען פאר קרבנות.

אויך האט מען אנגעגרייט א שיינע באצירטע אקס, וואס זיינע הערנער זענען געווען ארום גענומען מיט גאלד און א הערליכע געפלאכטענע קרוין פון בלעטער. דעם אקס האט מען אויך שפעטער מקריב געווען אויפן מזבח.

מען האט ארויף געלייגט דעם קארב אויפן אקס, און אזוי איז מען ארויף געגאנגען קיין ירושלים, פריילך, מיט טענץ און געזאנג.

אנקומענדיג צום הר הבית האט מען גענומען דעם קארב אויפן אקסל, אפילו דער מלך האט אויך אזוי געטון.

אין די עזרה האט ער געזאגט די פרשה פון "הגדת היום לה'", און ווען מען האט אראפגענומען דעם קארב האט ער דאס אנגעכאפט מיט זיינע ליפן, און דער כהן האט אונטערגעלייגט זיינע הענט, און צוזאמען מיטן בעה"ב האט מען דאס אויפגעהויבן, נאכדעם האט דאס דער כהן געלייגט פארן מזבח.

נאכדעם האט דאס דער בעה"ב נאכאמאל גענומען און געזאגט די פרשה פון "ארמי אובד אבי". שפעטער האט ער דאס אראפגעלייגט ביי די זייט פון מזבח, און ער איז ארויסגעגאנגען.

דער צייט פון ברענגען "ביכורים", איז פון שבועות ביז סוכות.

פון שבועות ביז סוכות דארף מען אויך לייענען די פרשה פון ארמי אובד אבי, און פון סוכות ביז חנוכה דארף מען ברענגען אבער מען לייענט נישט.

**בגמרא** (פסחים ס"ח) **רבי יוסף ביומא דעצרתא עבדו ליה עגלא תלתא, אמר אי לאו האי יומא כמה יוסף איכא בשוקא.**

זאגט דער **חתם סופר** אז עס קען זיין פשט, לויט די גמרא (שבת פ"ח) "משה הוסיף משה יום אחד מדעתו, והסכים הקב"ה עמו", אז דער אייבערשטער האט געוואלט געבן די תורה מיט א טאג פריער, און משה האט פון זיך אליין צוגעלייגט א טאג און דער אייבערשטער האט מסכים געווען מיט אים.

דער **מגן אברהם** (שו"ע ס' תקנ"א) ברענגט פון מדרש אז פון שבעה עשר בתמוז תמוז ביז תשעה באב איז א צייט וואס איז מסוגל צו שלעכטס, און וועגן דעם דארף מען שטארק אכטונג געבן פון זאכן וואס זענען א חשש סכנה.

און דאס האט אויך צוגעברענגט צום חטא העגל מיט שבירת הלוחות, ווייל די פערציג טעג וואס משה איז אראפ פון הימל האט זיך געענדיגט שבעה עשר בתמוז וואס איז מסוגל צו שלעכטס, און דורך דעם האט דער שטן געקענט איינרעדן די אידן אז משה מת, און זיי האבן געמאכט די עגל.

אבער ווען משה וואלט נישט צוגעלייגט א טאג צו געבן די תורה וואלטן זיך די פערציג טעג נישט געענדיגט שבעה עשר בתמוז נאר א טאג פריער, און עס וואלט נישט געווען קיין חטא העגל און אויך נישט קיין שבירת הלוחות.

די **ספרי המקובלים** ברענגען אז די לשון פון תרגום אונקלוס וואס עס האט אביסל א חלק אין די קליפה, איז געקומען דורך שבירת הלוחות.

קומט אויס אז ווען משה וואלט נישט צוגעלייגט א טאג, וואלט נישט געווען קיין חטא העגל, און אויך נישט קיין שבירת הלוחות, און אויך נישט קיין תרגום אונקלוס.

**תוספות** (בבא קמא ט') ברענגט אז רבי יוסף האט נאר געלערנט תרגום אונקלוס און נישט תורה שבכתב, ווייל ער איז געווען א סגי נהור, און די הלכה איז דברים שבכתב אי אתה רשאי לאמרם בעל פה.

דאס איז פשט, **אי לאו האי יומא**, ווען מען וואלט נישט געגעבן די תורה אין די טאג וואס משה האט צוגעלייגט, נאר א טאג פריער וואס דעמאלטס וואלט נישט געווען קיין חטא העגל און נישט קיין שבירת הלוחות און נישט תרגום אונקלוס, **כמה יוסף איכא בשוקא**, וואלט אסאך מענטשען אין גאס געווען אזוי ווי רבי יוסף, ווייל ער וואלט נישט געקענט לערנען, אזוי ווי תוס' זאגט אז ער האט געמעגט לערנען נאר תרגום און נישט קיין תורה שבכתב, און עס וואלט נישט געווען קיין תרגום אונקלוס.

די גמרא (שבת פ"ז) **זאגט אמר רבי יהושע בן לוי, כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקב"ה, יצאה נשמתן של ישראל.** פרעגט די גמרא אויב איז שוין זייער נשמה אויסגעגאנגען נאכן ערשטן דיבור ווי אזוי האבן זיי געקענט מקבל זיין דעם צווייטן דיבור, ענטפערט די גמרא אז דער אייבערשטער האט זיי מחי' מתים געווען מיטן טל פון תחיית המתים. לכאורה איז שווער פונקט ווי דער אייבערשטער האט זיי מחיה מתים געווען, האט ער געקענט מאכן זיי זאלן אויסהאלטן די קול און זייערע נשמות זאלן נישט ארויסגיין ?

ענטפערט כ"ק **מרן רביה"ק בעל דברי יואל זיע"א** אז דער אייבערשטער האט מיט דעם געוואלט ווייזן אז די תורה קומט זיך פאר די אידן און נישט פאר די מלאכים.

ווייל דער **בני יששכר** ברענגט אז די טענה פון די מלאכים מ'זאל זיי געבן די תורה איז געווען מכח די טענה פון "דינא דבר מצרא", אז ווען איינער פארקויפט א פעלד וכדו' זענען די שכנים פריער פון א צווייטען, און די מלאכים זענען שכנים פון דעם אייבערשטען זענען זיי פאר די אידן. אבער דער אייבערשטער האט עס יא געגעבן פאר די אידן ווייל זיי זענען **בנים למקום**, און די דין איז אז ווען א טאטע וועט געבן זיין פעלד וכדו' פאר זיינע קינדער איז נישט דא קיין דינא דבר מצרא.

דער **חיד"א** פרעגט וויאזוי איז דער אייבערשטער מחיה מתים, ער אז דאך א כהן וואס טאר זיך נישט מטמא זיין צו א מת ? ענטפערט ער אז די אידן זענען **בנים למקום**, און א טאטע מעג זיך מטמא זיין צו זיינע קינדער אפילו ער איז א כהן.

וועגן דעם האט דער אייבערשטער מחיה מתים געווען די אידן ביי מתן תורה, ווייל ער האט געוואלט פארענטפערן פארוואס ער האט נישט געגעבן די תורה פאר די מלאכים, כאטשיג זיי האבן די טענה פון **בר מצרא**, האט ער זיי מחיה מתים געווען,צו ווייזן אז זיי זענען **בנים למקום**, און עס איז נישט דא קיין **דינא דבר מצרא**.

## אחדות

### ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ה' נעשה:

עס שטייט אין ספר **משך חכמה** אז יעדער איד דארף מקיים זיין די גאנצע תורה, אבער עס איז דא אסאך מצוות וואס נישט יעדער איד קען מקיים זיין, למשל מצוות פון א כהן אדער א לוי, א.א.וו. איז די עצה צו דעם אז אידן זאלן זיך האלטן צוזאמען באחדות, דעמאלט וועט ווערן גערעכנט די מצוה פון איין איד ווי גלייך אלע אידן האבן עס מקיים געווען.

דאס קען זיין פשט אין פסוק: **ויענו כל העם יחדיו** אלע אידן האבן געזאגט צוזאמען באחדות, דעמאלט **כל אשר דבר ה' נעשה**, וועלן מיר מקיים זיין אלע מצוות, ווייל מיר זענען באחדות.

## קַבָּלַת הַתּוֹרָה אִין יְעֶדֶע צַייט

**זמן מתן תורתינו:** פארוואס ווערט נישט דער יו"ט אנגערופן "**זמן קבלת תורתינו**"?

זאגט דער **חידושי הרי"ם** אז דער פשט איז, אז דער אויבערשטער האט טאקע געגעבן די תורה אום שבועות, אבער "קבלת התורה" וואס מיר אידן האבן מקבל געווען און זיך פארגענומען איינצוהאלטן די תורה, דאס איז א גאנץ יאר, יעדן טאג און יעדע מינוט.

## קבלת התורה דורך מידות טובות

עס שטייט אין מדרש, **בשעה שעלה משה למרום בקשו מלאכי השרת לפגוע בו**, ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אין הימל נעמען די תורה האבן אים די מלאכים געוואלט טשעפענען, **צר הקב"ה קלסתר פניו של משה דומה לאברהם ואמר להם לא זהו שירדתם אצלו ואכלתם בתוך ביתו**, האט דער אייבערשטער אויסגעמאלן דעם געשטאלט פון משה רבינו גליך צו אברהם אבינו, און ער האט געזאגט פאר די מלאכים, נישט ביי אים האט איר אראפגענידערט און געגעסן אין זיין שטוב? ע"כ.

פרעגן אלע **מפרשים**, לכאורה וואס האט דער אייבערשטער געענטפערט די טענה פון די מלאכים אז מען זאל נישט געבן די תורה פאר די אידן, מיט דעם אז זיי האבן געגעסן ביי אברהם אבינו אין שטוב.

ענטפערט דער הייליגער **ישמח ישראל** זי"ע בשם זיין טאטן, אז דער אייבערשטער האט דא געלערנט פאר די מלאכים א מורא'דיגע זאך, אז איידער מען לערנט תורה מוז מען האבן מידות טובות, און אויב האט מען נישט קיין גוטע מידות דארף מען נישט די תורה, ווייל דרך ארץ איז קדמה לתורה.

דעריבער ווען משה רבינו איז ארויפגעקומען אין הימל און די מלאכים האבן אים נישט שיין אויפגענומען, האט זיי דער אייבערשטער געוויזן טאקע וועגן דעם זענט עטץ נישט ראוי צו האבן די תורה ווייל עטץ ווייסט נישט ווי אזוי מען נעמט שיין אויף א גאסט, ווידער ביי די אידן איז מען מקיים מצות הכנסת אורחים ווי עס דארף צו זיין, אזוי ווי אברהם אבינו האט ענק אויפגענומען, וועגן דעם דארפן די אידן טאקע יא באקומען די תורה.

## אלע נשמות זענען געווען ביי מתן תורה:

עס ווערט געברענגט אין ספרים, אז נישט נאר די יודן וואס האבן דעמאלטס געלעבט זענען געווען ביי "מתן תורה", נאר אויך די נשמות פון אלע יודן וואס וועלען געבוירן ווערען אין אלע דורות, זענען אויך דארט געווען.

עס איז באקאנט וואס דער **רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע** פלעגט זאגן: נישט נאר וואס ער גדענקט פונקטליך דעם מעמד פון "קבלת התורה", נאר ער גדענקט אויך נעבן וועמען ער איז דעמאלטס געשטאנען.

אויך דערציילט מען נאך פונעם הייליגן **רבי ר' בער פון מעזריטש זי"ע**, אז ווען ער איז געווען א יונגערמאן נאך זיין חתונה, האט ער געהאט פרנסה פון דעם וואס ער האט זיך פארדינגען אלץ מלמד פון קליינע קינדער. ער איז נישט געווען ווי סתם א מלמד, נאר ווען עס איז געקומען א אינגל לערנען "אלף בית", האט ער צום ערשט געפרעגט צי ער געדענקט נאך דעם מעמד פון "קבלת התורה", וואס אלע אידישע נשמות זענען דארט געווען. און בשעת'ן פרעגן האט ער זיך פארטיפט אין דעם קינד'ס נשמה און אויפגעמישט זיינע גדאנקען ביז דאס קינד האט זיך טאקע דערמאנט אין דעם געוואלדיגן מעמד. און טאמער דאס קינד האט זיך נישט געקענט דערמאנען פון דעם, האט איהם רבי ר' בער זי"ע נישט געוואלט אננעמען דער קינד אלץ תלמיד.

# קרעפל פשט'ל

**עס איז א מנהג מאבותינו ורבותינו הק' זי"ע אז אינעם יום טוב שבועות ביי די מילכיגע סעודה זאגט מען א פלפול בהלכה ואגדה, וואס מ'רופט 'קרעפל פשט'ל', רבוה"ק זי"ע פלעגן לערנען די סוגיא אויף וואס ער פלעגט זאגן דעם פשט'ל מיט די בחורים שוין עטליכע וואכן פאר יו"ט, און דער גאנצער ציבור האט מיטגעהאלטן דעם פלפול.**

**וועלן מיר דא לערנען א קורצן פשט'ל פון ספה"ק "דברי יואל" לכבוד שבועות:**

די גמרא אין מסכת שבת ברענגט א מחלוקה צווישן די חכמים און ר' יוסי די חכמים זאגן אז די תורה איז געגעבן געווארן אינעם זעקסטן טאג אין סיון און ר' יוסי, זאגט אז די תורה איז געגעבן געווארן אינעם זיבעטן טאג אין סיון, ווייל משה רבינו האט פארמערט נאך איין טאג, אז מען זאל זיך צוגרייטן צו קבלת התורה און דער אייבערשטער האט מסכים געווען צו משה רבינו, און די שכינה האט טאקע נישט גערוהט ביים בארג סיני ביז דעם זיבעטן טאג, איז א סימן אז דער אייבישטער האט מסכים געווען צו משה רבינו.

א) פרעגט דער מגן אברהם וויבאלד מיר פסק'ענען ווי ר' יוסי אז קבלת התורה איז געווען אינעם זיבעטן טאג אין סיון ווי אזוי קען מען זאגן אינעם זעקסטן טאג זמן מתן תורתינו די תורה איז דאך געגעבן געווארן אינעם זיבעטן טאג?

ב) דער הייליגער תפארת שלמה פרעגט פארוואס זאגן מיר "זמן מתן תורתינו", און נישט "זמן מתן תורת ה'", ענטפערט דער הייליגער תפארת שלמה, לויט די גמרא אין מס' עבודה זרה (דף י"ט) וואס זאגט אויפן פסוק (תהלים א') כי אם בתורת ה' חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה, פארוואס זאגט קודם דער פסוק דער לשון בתורת ה' און דערנאך ובתורתו.

ענטפערט די גמרא, ווייל בעפאר דער מענטש לערנט ווערט די תורה אנגערופן אויפן אייבערשטנס נאמען "תורת ה'" נאר נאכן לערנען ווערט עס אנגערופן אויפן מענטשנס נאמען "תורתו" זיין אייגענע תורה,

לכאורה אבער אין די צייט פון קבלת התורה, איידער דער מענטש האט געהאט די מעגליכקייט צו לערנען, האט עס נאך געדארפט ווערן אנגערופן תורת ה'?

ענטפערט דער רבי בעל דברי יואל זי"ע א שיינעם תירוץ מיט די גמרא פון מסכת סוטה, רב אחא בר חנינא האט געזאגט, אז דער טאג וואס מען האט אריינגעווארפן משה רבינו אין טייך איז געווען אינעם זעקסטן טאג אין סיון און ער איז אויך געראטעוועט געווארן אינעם זעקסטן טאג, ווייל די מלאכים פון הימל האבן געטענה'ט צום אייבירשטען ווי אזוי קען זיין אז דער וואס דארף אין דעם טאג מקבל זיין די תורה זאל דעם טאג געשטראפט ווערן און דערפאר איז ער געראטעוועט געווארן.

מיט די גמרא קענען מיר פארענטפערן די צוויי קשיות וואס מיר האבן פריער געפרעגט, סיי פון מגן אברהם אז פארוואס זאגט מען אינעם זעקסטן טאג זמן מתן תורתינו, מיר האלטן דאך ווי ר' יוסי אז די תורה איז געגעבן געווארן אינעם זיבעטן טאג, און סיי פון תפארת שלמה אז פאר קבלת התורה וואלט מען געדארפט זאגען תורת ה'?

נאר וואס דען? וויבאלד  משה רבינו איז דאך דער קוואל פון די הייליגע תורה אין אים ליגט די גאנצע כח פון די תורה און ווען נישט אים וואלטן מיר חלילה נישט געהאט די הייליגע תורה, קומט דאך אוים אז מיט וואס משה רבינו דער מקור התורה איז אין דעם טאג געראטעוועט געווארן האבן מיר דעם טאג באקומען משה רבינו מיט די גאנצע תורה וואס איז אין משה רבינו.

איבערהויפט וואס די גמרא זאגט אז אלע תלמידי חכמים אין אלע צייטן ווערן אנגערופן אויף משה רבינו'ס נאמען, ווייל אין יעדע אמת'ע תלמיד חכם איז דא א פונק פון משה רבינו, קומט דאך אוים אז ווען משה רבינו איז געראטעוועט געווארן זענען אויך אלע תלמידי חכמים געראטעוועט געווארן וואס זיי אלע ווערן אנגערופן מיטן נאמען פון משה רבינו קומט אוים אז די גאנצע תורה איז דעמאלטס געראטעוועט געווארן.

ממילא איז שוין פארענטפערט דעם מגן אברהם'ס קשיא פארוואס מיר זאגן אין זעקסטן טאג זמן מתן תורתינו, ווייל דאס גייט ארויף אויף משה רבינו וואס ער איז אין דעם זעקסטן טאג געראטעוועט געווארן,

אויך איז פארענטפערט די קשיא פונעם תפארת שלמה קשיא פארוואס עס ווערט אנגערופן תורתינו און נישט תורת ה', ווייל דאס גייט ארויף אויף אלע אמת'ע צדיקים און תלמידי חכמים פון אלע צייטן וואס אויך אין זיי איז דא א פונק פון משה רבינו וואס איז געראטעוועט געווארן אינעם זעקסטן טאג אין חודש סיון.

# קינדער זענען ערבים פאר קבלת תורה

## באארבעט לויט מדרשי חז"ל

די מדרש דערציילט, אז איידער דער אייבערשטער איז געקומען געבן די תורה פאר די אידן, האט ער געזאגט פאר די מלאכים: "צום ערשט וועל איך גיין מיט די תורה צו די פעלקער און איך וועל זיי פרעגן צו זיי זענען מסכים אנצונעמען מיין תורה. אויב זיי וועלן מסכים זיין, דאן וועל איך זיי צוזאמען פארן מיט די אידן. אזוי וועלן זיי נישט קענען שפעטער האבן א טענה אז אויב מ'וואלט זיי געגעבן די תורה וואלטן זיי אויך געטוהן מצוות.

איז דער אייבערשטער געגאנגען צו די בני עשו, און זיי געפרעגט צו זיי ווילען אָנֶנֶעמֶען די תורה. האבן זיי צוריק געפרעגט: "וואס שטייט אין יענע תורה"? האט זיי דער אייבערשטער געענטפערט: "אין מיין תורה שטייט: "לא תרצח" – איהר זאלט נישט מארדן קיין מענטשן"! האבן זיי געענטפערט: "ניין, מיר קענען נישט אננעמען די תורה, ווייל אונזער גאנצע לעבן און שטרעבונג איז צו מארדען מענטשן און פיהרן מלחמות. אהן דעם קענען מיר נישט לעבן"!

איז דער אייבערשטער געגאנגען צו די בני ישמעאל און זיי געפרעגט: "ווילט איהר אָנֶנֶעמֶען מיין תורה וואס גיבט אן אייביגן לעבן פאר דעם מענטש"? – "וואס שטייט אין דיין תורה"? – האבן די בני ישמעאל צוריק געפרעגט. האט זיי דער אייבערשטער געענטפערט: "אין מיין תורה שטייט: "לא תגנוב" – איר זאלט נישט גנב'ענען"! – אוי, ניין, אזא סארט תורה איז נישט צוגעפאסט פאר אונז, ווייל אונזער גאנצע געשמאק אין לעבן איז צו גנב'ענען און רויבן"!

פון דארט איז דער אייבערשטער געגאנגען צו די בני עמון און מואב, און אויך זיי האבן געפרעגט וואס אין די תורה שטייט. האט זיי דער אייבערשטער ערקלערט אז עס שטייט: "לא תנאף" – מען מעג נישט טוהן קיין מיאוס'ע זאכן. האבן זיי זיך אויך אויסגעלאכט פון די תורה און נישט געוואלט אָנֶנֶעמֶען.

און ווען דער אייבערשטער איז דערנאך געגאנגען צו די פעלקער פון כנען און זיי געפרעגט: "אפשר ווילט איהר אָנֶנֶעמֶען מיין תורה"? – האבן זיי אויך געפרעגט: "וואס שטייט אין יענע תורה וואס דו זאגסט אז עס איז אזוי גוט און געשמאק"? האט זיי דער אייבערשטער געענטפערט: "עס שטייט אין מיין תורה אז מען דארף האנדלען ערליך און מ'טאר נישט באשווינדלען א חבר". האבן זיי באלד אויסגעשריגן: "ניין! א תורה וואס האט אזוינע ערליכע און גלייכע געזעצן זענען נישט גוט פאר אונז. אונזער גאנצע לעבן איז מיט שווינדעל !!

פון דארט איז דער אייבערשטער אנגעקומען אין דעם מדבר צו די יודן און זיי געפרעגט: "ווילט איהר אפשר אָנֶנֶעמֶען מיין תורה"? זיי האבן נישט געטראכט קיין רגע און גארנישט געפרעגט, נאר באלד צוזאמען הויך אויסגעשריגן מיט התלהבות און ברען: "נעשה ונשמע"!!! – "מיר וועלן טוהן און מיר וועלן הערן"!!!

און אזוי ווי דער אייבערשטער האט געזעהן דעם גרויסען חשק מיט וועלכע די יודן ווילן אָנֶנֶעמֶען די תורה, האט ער געזאגט צו משה רבינו: "צום ערשט, איידער איך וועל זיי געבן די תורה, וויל איך אז דו זאלסט צוזאמען קלויבן אלע יודישע פרויען און רעדן מיט זיי וועגן קבלת התורה. ווייל וויבאלד די מאמעס זענען די הויפט פון די יודישע שטוב און זיי ערציהען די קינדער, דערפאר וויל איך אז זיי זאלן צום ערשט הערן וועגן קבלת התורה".

איז משה רבינו געגאנגען און איבערגעגעבן די רייד פון דעם אייבערשטען צו ערשט פאר די פרויען און דערנאך פאר אלע יודן. און ווען ער האט צוריק געקערט דעם ענטפער פון די יודן פאר דעם אייבערשטען, האט איהם דער אייבערשטער געזאגט: "יעצט וויל איך האבן עֲרֵבִים וואס קענען פאר מיר פארזיכערן אז איר וועט איינהאלטן אייערע רייד פון אפהיטן די תורה".

**האבן די אידן געענטפערט: "אונזערע קינדער" וועלן זיין ערבים אז מיר וועלן האלטן די תורה. מיר וועלן לערנען מיט זיי די תורה און מצוות, און אויך זיי וועלן איבערגעבן פאר זייערע קינדער. אזוי וועט די תורה בלייבן אייביג באהאפטן צו אונז!"**

**דער אייבערשטער איז זייער צופרידן געווען פון דעם ענטפער און באפוילן די אידן זיך צוצוגרייטן צו קבלת התורה.**

# הלכות חג השבועות

**ראש חודש - שלשת ימי הגבלה**

פון ראש חודש סיון זאגט מען נישט קיין תחנון ביז י״ג סיון (מג״א סי׳ קל״א ס״ק י״ח).

דער צווייטער טאג אין חודש סיון ווערט אנגערופן ״יום המיוחס״ ווייל אין דעם טאג האט השי״ת געזאגט פאר משה רבינו ע״ה די פרשה פון ״והייתם לי סגולה מכל העמים״ און דעמאלטס זענען די אידישע קינדער געווארן ׳מיוחסים׳ איבער אלע אנדערע פעלקער.

דריי טעג פאר שבועות ווערן אנגערופן שלשת ימי הגבלה, וואס אין יענע דריי טעג פאר מתן תורה האבן זיך אידישע קינדער אפגעשיידט פון אלע אומריינע זאכן, און זיך צוגעגרייט צו קבלת התורה.

עס איז א מצוה זיך אפצושערן די האר פון קאפ ערב יום טוב, כדי ער זאל נישט אריינגיין אינעם יו״ט מיט גרויסע האר וואס דאס איז מיאוס (שו״ע הרב סי׳ תקכ״ט ס״א).

**גראזן און בלומען**

עס איז א מנהג צו לייגן ביימער אין די בתי מדרשים אלס זכר צו ווייזן אז שבועות משפט מען די פירות פון ביימער, און אז מען זאל בעטן אויף גוטע פירות, וועגן דעם לייגט מען דאס אין בית המדרש דארט וואו מען דאווענט

(מג״א סק״ה, שועה״ר סט״ו)).

# פרפראות

עס איז באוואוסט די קשיא פון תוספות אז די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע מיט ליבשאפט פארן אייבערשטן, אויב אזוי צו וואס האט אויסגעפעהלט אז דער אייבישטער זאל איבערבייגן דעם בארג סיני העכער די אידן און האט געזאגט אויב וועט איר מקבל זיין די תורה איז גיט און אויב נישט וועט איר בלייבן אונטערן בארג?

ווענלן מיר דא אראפברענגען עטליכע שיינע תירוצים, מלוקט פון ספרים הקדושים.

א) איין תירוץ איז, אז דאס וואס די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע האבן זיי נאר געוואלט מקבל זיין די תורה שבכתב, אבער תורה שבעל פה וואס די חכמים וועלן פארמערן און צולייגן אויף די תורה, האבן זיי נישט געוואלט מקבל זיין.

אויף דעם האט אויסגעפעלט אז מען זאל איבערבייגן דעם בארג כדי זיי צו צווינגען אז תורה שבעל פה זאלן זיי אויך אננעמען. (מדרש)

ב) נאך קען מען ענטפערן, אז ווען די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, נאר אויף מקיים צו זיין די מצות פון די תורה, אבער פלאגן זיך אין די תורה, נאך דערצו ביינאכט ווען מענטשן שלאפן, האבן זיי נישט געוואלט מקבל זיין אויף זיך.

וועגן דעם האט אויסגעפעלט צו צווינגען מיטן בארג אז זיי זאלן זיך אויך וועלן פלאגן אין לערנען און חזר׳ן די תורה, סיי בייטאג און סיי בייינאכט. (ראש דוד)

ג) עס ווערט אויך געברענגט א תירוץ, ווייל די אידן האבן געזאגט כל אשר ״דיבר ה׳״ נעשה ונשמע דאס וואס דער אייבערשטער אליין וועט אונז הייסן דאס וועלן מיר מקבל זיין.

דער אייבערשטער האט אבער געוואוסט אז נאר די ערשטע צוויי דברות וועלן זיי קענען הערן פונעם אייבירשטן אליין, און די אנדערע אכט דברות וועלן זיי נישט קענען אויסהאלטן ווייל זייער נשמה איז ארויסגעפלויגען און מען האט זיי געמוזט צוריק ברענגען אויף די וועלט, און משה רבינו וועט מוזן זאגן די איבריגע אכט דברות פאר די אידן וועגן דעם האט אויסגעפעהלט אז מען זאל זיי צווינגען צו צוהערן די רייד פון משה רבינו.

ד) ווידער שטייט א תירוץ אויף די קשיא, ווייל אין די צייט ווען מען האט געגעבן די תורה ביים בארג סיני, איז געווען א דור פון גרויסע לייט מיט הויכע מדרגות וואס זיי אליין האבן געהערט פונעם אייבירשטען אנכי ה׳ אלקיך.

ווען די אידן האבן געזאגט "נעשה ונשמע" א לשון רבים, האט דאס געמיינט א חיוב ערבות א אחריות אז יעדער איד וועט אכטונג געבן איינער אויפן צווייטן אויך.

דאס האבן זיי געזאגט פאר מען איז געגאנגען צום בארג סיני ווען זיי האבן געזען דארט נאר גרויסע צדיקים, אבער ווען זיי זענען אנגעקומען צום בארג סיני וואס דארט האבן זיי געזען אויך אלע שפעטערדיגע צייטן און זיי האבן געזען די גרויס נידעריקייט פון אלע שפעטערדיגע צייטן, האבן זיי שוין מער נישט געוואלט אננעמען קיין שום אחריות אויף די צייטן פון אונזער דור. וועגן דעם האט דער אייבערשטער געדארפט זיי צווינגען אז זיי זענען מחויב מקבל צו זיין אחריות אויך אויף אונזערע שוואכע דורות. (דברי יואל)

עס איז א מנהג צו לייגן גראז מיט בלומען אין די בתי מדרשים און די הייזער אלס זכר צו ווייזן אז אויפן בארג סיני איז געווען גראזן מיט בלומען. ווייל ווען דער אייבערשטער האט אראפגענידערט אויפן בארג סיני צו געבן די תורה, האט אנגעהויבן צו וואקסן אויפן בארג שמעקעדיגע בלומען און גראז (אבני המקום-אות ל״ב). אויך די ספר תורה טוט מען באצירן מיט בלומען (בני יששכר מאמרי חו׳ סיון מאמר ד׳ אות ז׳).

עס ווערט געברענגט נאך א טעם פארוואס מען לייגט גראז אין בית המדרש, ווייל משה רבינו איז געבוירן ז׳ אדר, ווען ער איז אלט געווען דריי חדשים, דאס איז ז׳ סיון, שטייט אין פסוק ׳ותשם בסוף על שפת היאור׳, אז מען האט אים געלייגט צווישן די הויכע גראז ביים בארטן פון טייך, וואס א דאנק דעם איז משה רבינו ניצול געווארן און מיר האבן זוכה געווען צו קבלת התורה, ולזכר צו דעם לייגט מען גראז אין ביהמ״ד.

(אגב, איז אינטערעסאנט צו ברענגען א דבר צחות פונעם הייליגן חתם סופר זי״ע, דער חתם סופר איז אויסגעקומען איינמאל שבועות צו באזוכן אין שטוב פון איינעם פון די משכילים וואס האבן געוואוינט אין פרעשבורג, און דער חתם סופר האט געזעהן אז ער האט ארומגעלייגט בלומען און גראזן אין זיין הויז ווי מען פירט זיך ביי אלע ערליכע אידן.

מיט א יאר שפעטער איז דער חתם סופר ווידער געווען ביי יענעם אין שטוב און ער זעהט ווי יענער האט שוין נישט געלייגט די בלומען, אדרבא, ער האט זיך ארומגעדרייט און אפגעשפעט פון די מנהגי ישראל.

האט זיך דער חתם סופר אנגערופן ״יא יא, איך מיין אז דו ביסט גערעכט על פי הלכה״, יענער האט זיך זייער געוואונדערט צו הערן די ווערטער אז דער חתם סופר גיט אים גערעכט, האט אים דער חתם סופר געזאגט ״איך וועל דיר ערקלערן מיינע ווערטער, פאראיאר ביסטו נאך געווען א ״מודה במקצת״ ביסט נאכנישט געווען אזא רשע ווי יעצט, איז די הלכה אז א מודה במקצת איז חייב ׳בשבועות׳ (צו שווערן), היי יאר ביסטו שוין א ״כופר הכל״ דו לייקענסט שוין אין די גאנצע תורה, און א כופר הכל איז פטור משבועות״...)

## מעריב

אפילו די וואס זענען נישט מקפיד א גאנץ יאר צו דאווענען מעריב נאכן זמן פון רבינו תם, אבער שבועות ביינאכט דאווענען זיי אויך שפעטער, כדי עס זאל זיכער זיין שבע שבתות ״תמימות״, זיבן גאנצע וואכן פון ספירה (שועה״ר סי׳ תפ״ח ס״ב).

## תיקון ליל שבועות

שבועות ביינאכט פירט מען זיך אז מען איז אויף א גאנצע נאכט, און מען זאגט תיקון ליל שבועות. דער טעם איז ווייל ביי מתן תורה זענען די אידן פארשלאפן און השי״ת האט געווארט ביים בארג סיני ביז זיי זענען אנגעקומען, כדי דאס מתקן צו זיין זענען מיר אויף א גאנצע נאכט. עס זענען דא וואס פירן זיך צו לערנען שבועות ביינאכט מסכת ביכורים, וואס דורכדעם קען מען מקיים זיין מצות ביכורים היינטיגע צייטן אויך (ליקוטי צבי).

עס שטייט אין זוהר הק׳ אז די חסידים הראשונים האבן א גאנצע נאכט געלערנט תורה. אין חסיד׳ישע ספרים ווערט ארומגערעדט איבער דאס חשיבות פון נישט רעדן קיין שום דברים בטלים, פון ווען מען זאגט ״ברכו״ ביי מעריב, ביז אינדערפרי ביי מוסף ביז נאך ״כתר״.

ווער עס שלאפט נישט די גאנצע נאכט, איז פארזיכערט אז ער וועט דורך לעבן דאס יאר בשלום, און עס וועט אים נישט געשען קיין שאדן (שו״ע האר״י ז״ל).

נאכן תיקון איידער עס ווערט טאג, פירט מען זיך צו גיין אין מקוה, וואס דורכדעם איז מען מתקן די נשמה צו קבלת התורה (אריה״ק).

## אהבה רבה

מען האט מגלה געווען פארן הייליגן בעל שם טוב זי"ע אז די סיבה פארוואס משיח צדקינו איז נאכנישט געקומען איז ווייל מען זאגט אהבה רבה זייער שנעל, און מען האט נישט אינזינען די ריכטיגע כונה (ספה"ק תולדות יעקב יוסף פר' ויקהל).

דער יום טוב שבועות דער זמן פון קבלת התורה איז די צייט אז מען זאל מתפלל זיין און שטארק אינזין האבן ביי 'אהבה רבה' אז דער אייבערשטער זאל באלייכטן די אויגן מיט די תורה הק'. ביי אבותינו ורבותינו הק' האט מען ביי "אהבה רבה" מאריך געווען גאר לאנג מיט א גרויס התעוררות, זינגענדיג דעם באקאנטן "אהבה רבה ניגון" פון הרה"ק רבי ר' הערש פון רימאנוב זי"ע.

אויסער דעם שטייט אין ספרים הק' אז שבועות איז א שטארקע עת רצון וואס מען קען אסאך אויסבעטן, באזונדער צו פארשטיין די הייליגע תורה, און צו זיין אן אמת'ער ערליכער איד, זאל השי"ת מקבל זיין אונזערע תפילות ברחמים וברצון.

## אקדמות

עס איז איינגעפירט בכל תפוצות ישראל אז שבועות פארן ליינען נאכן אויפרופן דעם כהן זאגט מען בציבור 'אקדמות' צוויי חרוזים דער ציבור און צוויי חרוזים דער שליח ציבור, ווי עס ווערט ארויסגעברענגט אין מורא'דיגע ווערטער גדלות הקב"ה וגדלות המלאכים, און דאס חשיבות פון כלל ישראל קעגן די גוים ווען זיי זענען דבוק אין באשעפער און אין די הייליגע תורה, און די גרויסדע שכר וואס ערווארט אונז ווען משיח וועט קומען ב"ב .

## מאכלי חלב

שבועות אינדערפרי עסט מען א מילכיגע סעודה, נאך איידער מען וואשט זיך צו די יום טוב'דיגע סעודה מיט א הפסק פון א האלבע שעה אינצווישן. (רמ"א)

מען דארף אינזין האבן צו לייגן א אנדערע טישטוך צו די פליישיגע סעודה (מ"ב ס"ק ט"ז). אויך דארף מען זיך גוט אויסגעשווענקן דאס מויל כדי עס זאל נישט פארבלייבן קיין שיריים פון די מילכיגס צווישן די ציין.

## מגילת רות - תהלים

עס שטייט אין ירושלמי (חגיגה פ"ב ה"ג) אז דוד המלך איז נפטר געווארן שבועות, די גמרא זאגט (ראש השנה דף י"א ע"ב) אז צדיקים שטארבן אין דעם זעלבן טאג וואס זיי זענען געבוירן, וועגן דעם ליינט מען אין דעם צווייטן טאג מגילת רות, ווייל דארט ווערט אויסגערעכנט דער יחוס פון דוד המלך (בני יששכר). מען פירט זיך אויסצוזאגן גאנץ תהלים אין שבועות, ווייל עס איז די יארצייט פון דוד המלך ע"ה.

# הילולא דצדיקיא

## קומענדיגן שבועות איז די יארצייט פון

# דוד מלך ישראל חי וקים

וועלן מיר דא אויסשמועסן ווי אזוי חכמינו ז"ל געבן אונז איבער דעם סדר פון די פטירה פון דוד המלך ע"ה.

דוד המלך האט געבעטן דעם אייבערשטער: "לאז מיר וויסן ווען די ענדע פון מיין לעבן וועט זיין". האט איהם דער אייבערשטער געענפערט: "עס איז א גזירה פון מיר, קיין מענטש זאל נישט וויסען ווען עס קומט זיין צייט".

האט דוד המלך ווייטער געפרעגט: "לאז מיר כאטש וויסען וויפיל זענען מיינע לעבענס טעג". האט דער אייבערשטער געענפערט: "עס איז א גזירה, אז דער מענטש זאל נישט וויסען וויפל יאהרן עס איז איהם באשערט".

האט דוד המלך ווייטער געבעטען "אין וועלכע טאג פון וואך וועל איך צוגענומען ווערן פון דער וועלט". האט דער אייבערשטער געענפערט אז שבת איז דער טאג וואס ער וועט נפטר ווערן.

האט דוד המלך געבעטען דעם אייבערשטען צו ער קען נפטר ווערן זונטאג, ווייל שבת וועט מען זיך נישט קענען מיט איהם באשעפטיגן, און ער וועט בלייבען ליגן ביז מוצאי שבת.

האט דער אייבערשטער געענפערט אז אין די צייט וואס דיין זוהן שלמה דארף קעניגן טארסטו נישט קעניגען אפילו פאר איין מינוט.

האט דוד המלך געזאגט אז ער קען באשטיין צו פארלירען א טאג, און נפטר ווערן פרייטיג. האט איהם דער אייבערשטער געענפערט: "דו קענסט נישט נפטר ווערען קיין איין מינוט פריער ווייל איין טאג וואס דו פארנעמסט זיך מיט תורה איז ביי מיר מער ווערט ווי א טויזענט קרבנות וואס דיין זוהן שלמה וועט מקריב זיין אין דער בית המקדש.

פון דעמאלס אהן פלעגט דוד המלך יעדע שבת אכטונג געבען אז קיין איין רגע האט נישט אויפגעהערט זיין מויל פון צו לערנען תורה פון די צייט וואס עס איז געווארען שבת ביז מוצאי שבת, כדי אז דער מלאך המות זאל נישט קענען אויף איהם האבען א שליטה.

ווען עס איז געקומען די צייט א דוד המלך האט געדארפט פארלאזן די וועלט איז אויסגעפאלען שבועות אום שבת. די שטן האט פראבירט איהם צווצונעמען אויף אלע מיני אופנים, אבער וויבאלד דוד המלך האט נישט מפסיק געווען פון לערנען האט ער בשום אופן נישט געקענט ערפילען זיין תפקיד.

די מלאך המות שטייט אוןווארט אויפ'ן געלעגענהייט אז דוד המלך זאל שוין אויפהערען צו לערנען אבער אומזיסט איז געווען זיין האפענונג ווייל פון זיין מויל האט געהאלטען אין איין פליסן דברי תורה.

דער מלאך איז אויפגעקומען מיט א המצאה, ער איז ארויסגעגאנגען צום גארטען און ער האט אנגעהויבן זייער שטארק צו שאקלען דיביימער. אזוי ווי עס איז דארך דעם געווארען א גרויסע טומעל איז דוד המלך ארויסגעגאנגען צו זעהן וואס עס גייט פאהר.

פארשטייט זיך אז אפילו אויפ'ן וועג ארויס האט פון זיין מויל נאך אלץ געפליסט תורה.

אראפגייענדיג פון די טרעפ ארויסצוגיין צום גארטען האט זיך צובראכען א טרעפ און דאס האט גורם געווען אז דוד המלך זאל פאר א רגע אויפהערען צו לערנען און דא האט דער מלאך אויסגענוצט די געלעגענהייט אוועק צו נעמען זיין הייליגע נשמה.

אינמיטען דער הייליגער יום טוב שבועות וואס איז אויסגעפאלען אין שבת האט דוד מלך ישראל אויסגעהויעכט זיין היילגען נשמה.

מיר בעטען יעדען טאג ביים דאווענען "את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח", און מיר ווארטען יעדען טאג אויף איר באנייאונג, ווייל דער אייבערשטער האט געשלאסען א בונד מיט זיין געטרייע קנעכט דוד, אז ביז אייביג וועט בלייבען זיין קעניגליכע שטיל.

**דוד מלך ישראל חי וקים**

*

### קומענדיגן ב' דשבועות איז די יארצייט פון

## אור שבעת הימים מרן הבעל שם טוב הקדוש זי"ע

פסח שנת תק"כ ווען דער גרויסער צדיק **הרה"ק ר' פנחס קאריצער זי"ע** איז געווען ביים הייליגען **בעל שם טוב** זי"ע אויף יום טוב, איז **ר' פנחס זצ"ל** אביסעל שוואך געווען און וועגען דעם נישט געגאנגען אין מקוה ערב שביעי של פסח.

**שביעי של פסח** בייטאג אינמיטען דאווענען האט ר' פנחס זצ"ל געזעהן מיט זיינע לעכטיגע אויגן אז עס איז נגזר געווארען אין הימל אויף דעם הייליגען בעל שם טוב אז ער מוז נסתלק ווערען פון די וועלט.

ר' פנחס זצ"ל האט זיך זייער געשטארקט און געבעטען דעם באשעפער אז ער זאל מבטל זיין דעם גזירה. עס האט איהם זייער פארדראסען אז ער איז נישט געגאנגען ערב יום טוב אין מקוה, ווייל ער וואלט דאס אוודאי געזעהן ווען ער וואלט געווען אין מקוה, און אזוי וואלט ער זיכער געקענט אויס'פועל'ען.

נאכען דאווענען האט איהם דער בעש"ט געפרעגט צו ער איז נעכטען ערב יום טוב געגאנגען אין מקוה. האט ער געענפערט, "ניין". האט איהם דער בעל שם טוב געזאגט "אויב אזוי קען מען שוין גארנישט טוהן".

נאך פסח האט די בעש"ט זיך אנגעהויבן נישט גוט צו שפירען. טראץ דעם האט ער זיך געשטארקט און ווייטער געדאווענט ביים עמוד כדרכו בקודש.

שבועות ביינאכט האבען זיך צוזאמגענומען די הייליגע חבריא פון'ם בעש"ט צו זיין אויף א גאנצע נאכט לערנען. ביינאכט האט דער בעש"ט זיי געזאגט דברי תורה וועגען עניני מתן תורה.

צופרי האט דער בעש"ט צוזאם גערופען זיינע תלמידים. ער האט באפוילען **ר' לייב קעסלער זי"ע** און נאך איינעם, אז זיי זאלען זיך מתעסק זיין מיט זיין קבורה. ווייל זיי זענען געווען די חברא קדישא, ער האט זיי אויך אויסגעלערנט פארשידענע זאכען.

דערנאך האט ער געהייסען אז מ'זאל אריין רופען א מנין אין צימער צום דאווענען און ער האט אזוי געזאגט: "לאמיר נאך אביסעל שמועסן מיט'ן רבונו של עולם".

נאכ'ן דאווענען איז **ר' נחמן מהארדענקא זי"ע** געגאנגען אין בית המדרש מתפלל צו זיין אויף זיין הייליגן רבי אז ער זאל געזונט ווערן, האט דער בעל שם טוב זיך אנגערופען: "ער איז מתפלל בחינם. אויב ער וואלט געקענט אריין דורך יענער טיר ווי איך פלעג אריין, וואלט ער יא געקענט פועל'ן".

שפעטער זענען זיך צאמגענגעקומען די שטאטישע מענטשען מקבל צו זיין פני רבם ברגל. דער בעש"ט האט זיי געזאגט דברי תורה.

אינמיטן די סעודה האט ער געהייסען דעם משרת אז ער זאל עפעס אריין לייגען אין די גרויסע פלעשל. דער משרת, נישט כאפענדיג, האט עס אריינגעלייגט אין די קליינע פלעשל. האט דער **בעל שם טוב** זיך אנגערופען "אין שלטון ביום המות, אויך די גבאי פאלגט מיר שוין נישט".

דער בעש"ט האט געגעבען א סימן פאר זיינע תלמידים, אז בשעת זיין פטירה וועלען זיך אפשטעלען די צוויי זייגערס פון זיין שטוב.

ער האט זיך געוואשען די הענט, און ס'האט זיך אפגעשטעלט דער גרויסער זייגער. דער **בעש"ט** איז געשטאנען, האבען איהם די תלמידים ארום גענומען כדי אז ער זאל נישט זעהן די זייגער, האט ער זיי געזאגט: "איך ווייס אז עס האט זיך אפגעשטעלט, אבער איך זארג מיך נישט, ווייל איך ווייס קלאר אז אזוי ווי איך גיי ארויס פון דער טיר גיי איך גלייך אריין אין די אנדערע.

נאכדעם האט זיך דער **בעל שם טוב** געזעצט אויפן בעט און באפוילן די תלמידים אז זיי זאלען זיך שטעלן ארום איהם. דערנאך האט ער זיי געזאגט דברי תורה וועגען עניני גן עדן.

## שלשלת הקבלה...

1) כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זללה"ה (נפטר כ"ו ניסן תשס"ו לפ"ק) איז געווען א תלמיד פון זיין הייליגן פעטער:

2) כ"ק מרן רבינו בעל דברי יואל זללה"ה (נפטר כ"ו מנחם אב תשל"ט), בעמח"ס דברי יואל, ויואל משה, על הגאולה ועל התמורה, איז געווען א תלמיד פון זיין טאטן:

3) מרן הגה"ק רבי חנני' יו"ט ליפא ט"ב זי"ע, אבד"ק סיגעט, בעמח"ס קדושת יו"ט (נפטר כ"ט שבט תרס"ד), א תלמיד פון זיין טאטן:

4) מרן הגה"ק רבי יקותיאל יודא ט"ב זי"ע, אבד"ק סיגעט, בעמ"ח ייטב לב, ייטב פנים, רב טוב, שו"ת אבני צדק (נפטר ו' אלול תרמ"ג), תלמיד פונעם טאטן:

5) מרן הגה"ק רבי אלעזר ניסן ט"ב זי"ע, אבד"ק דראביטש (נפטר ח' תשרי תרט"ו) תלמיד פונעם טאטן:

6) מרן הגה"ק רבי משה ט"ב זי"ע, אב"ד איהעל, בעמח"ס ישמח משה, שו"ת השיב משה, (נפטר כ"ח תמוז תר"א) תלמיד פון:

7) מרן הגה"ק רבי יעקב יצחק הלוי הורוויץ זי"ע דער "חוזה" מלובלין, בעמח"ס זכרון זאת, זאת זכרון, (נפטר ט' באב תקע"ג) תלמיד פון:

8) מרן הגה"ק ר' אלימלך מליזענסק זי"ע, בעמח"ס נועם אלימלך (נפטר כ"א אדר תקמ"ז) תלמיד פון:

9) מרן הגה"ק רבי דוב בער זי"ע, דער מעזריטשער מגיד (נפטר י"ט כסלו תקל"ג), א תלמיד פון:

10) מרן הגה"ק אור שבעת הימים רבינו ישראל בעל שם טוב זי"ע (נפטר שבועות תק"כ).

דערנאך האט ער זיי געהייסען זאגן **"ויהי נועם"** און ער האט זיך געלייגט אין בעט, און זיך צוריק אויפגעזעצט עטליכע מאהל, און מכוין געווען כוונות, ביז מ'האט שוין נישט געהערט קיין ווערטער וואס ער זאגט, ער האט געהייסן אז מען זאל איהם צודעקען מיט א ליילעך, און ער האט אנגעהויבען ציטערן אזוי ווי ער פלעגט ביי שמונה עשרה.

דערנאך האט ער גערוהט און מען האט באמערקט אז די צווייטע זייגער האט זיך אפגעשטעלט, האט מען פארשטאנען אז ער איז שוין אויפן אמת'ער וועלט.

נאכ'ן פטירה פון בעל שם טוב האבען זיך צוזאם גענומען די חבריא צו איבערשמועסן די דברי תורה וואס זיי האבען געהערט פון זייער הייליגן רבי'ן.

דער הייליגער **בעל שם טוב** האט זיך שפעטער באוויזן צו זיינע תלמידים אין חלום און געפרעגט "פארוואס לייגט עטץ אייער הארץ נאר צו מיין תורה, און נישט צו מיין יראת שמים??!

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**